Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1943

נעײַפּאַרט

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library

די בריוו ניט אָפּגעשיקט פון וואלד אהיים מער,
געפֿילט זיי אָפּשיקן דירעקט פון רויטן פלאץ,

און — מיט א ריוו זיי האָבן זיגרײַך זיך באנוגנט,
א קיִיוער אין א קאליוזשע — הארכאָוועדיק, באם וועג,
א ציילעם פון א טאנק, דאָס וואָיען פון א וויוגע
און דער שינעל דער גרינער פאר א דעק.

ס'איז שטיל אין וואלד. דער פרילינג קישעפּ פראוועט,
צום אקער און פארזיי איז גרייט די ערד;
דער וועג זיך שפרייט אף וועסט פון מאלאָיאראָסלאוועץ,
דער וועג פון צריקלויפן אָן פיס און אָן דער שווערד...

——— ★✦★ ———

## טראָפּייען

זיי טראָגן בלינד אף זיך די גוירלדיקע דאטן,
ווי איידעס — גרייט פאר יעדן צום פארהער;
אָט זײַנען זיי, די שווארצע גאָרגלען פון הארמאטן,
דערוואָרגענע מיט אונטערמאָסקוועדיקער ערד!

צו בלוט און בראָך זיי זײַנען מער ניט דאָרשטיק,
דעם גיר אין וועג געשטילט האָט זיי דער שניי.
פארקריפּלט שטום דערציילט א יעדער בראָכשטיק,
ווי ניט דערקראָכן אונטער מאָסקווע זײַנען זיי!

אין שטרענגער שטילקייט פון בעסאלמענדיקע רייען,
ווי מייסים שטאָלענע בא קוואָרים אף דער וואך, —
רוען אין זאלן פון מוזיי די דײַטשישע טראָפּייען
אף פאָסטאמענטן אייגענע פון בראָך אין שלאכט!

צעקרימט געווער און זשאווערדיקע ציילעמס
פון האָרדעס בלוטיקע, אף טויט-פעלדער פארוויגט,
וועלן אין טרויער דוירעסלאנג דערציילן,
ווי מ'איז געגאנ פון אונטער מאָסקווע אף צוריק.

אונטער א גלאָז, גלײַך ווי פארספירט וועט אין סלויען,
וויגן שינעלן זיך אף העלצלעך אקוראט.
מ'האָט זיי געפרעסט און זיי דעם קאָוועד אָנגעטרויעט,
אז אָנטאָן זאָלן הענקערס זיי צו דעם פאראד

און אומבאַזיגט אַדורכמאַרשירן מאָסקווע
מיט שאַרבנס בלאַנקענדע אַף אַרבל צוגענייט.
מיט קנעפּ זיך אומעטיק זיי וויגן אונטער גלאָז דאָרט,
פּונקט ווי טאַכריכים גרינע פון דער דײַטשישער אַרמיי.

די שטילקײַט אין מוזיי ז'מיט שלאַכטיקײַט באַטרונקען,
אַ גאָוביצע צו דר'ערד גיט זיך אַ בויג,
אונטער אַ פליגל אַ צעקנייטשטן פון אַ „יונקערס"
דרעמלט אַ טרויב באַנאַנד דאָרט מיט אַ פויק.

עס האָט דער טויט אַף זיי געשפּילט איבער אייראָפּע,
איבער געקעפּטע און צעטראָטן-וויסטע שטעט.
פאַרוואָס באַגינט ניט דער פּאַראַד? וואָס איז דער אָפּהאַלט?
ס'ווערן געוונען די מאַזשאָרן, מאַיעסטעט!

פון ווינקל קוקט, אַראָפּגעלאָזט אין טרויער,
אַ ברוינע פאָן — אַ שאַרבן אין דער מיט;
ס'זאָל זײַן אַ שפּיגל, וואָלט זי געקאָנט זיך אים פאַרטרויען,
ווי מ'האָט פאַר מאָסקווע זי געניייט און זי געהיט.

איצט, ווי אַ ראָב צווישן בעסאַלמענדיקע רייען,
שטייט זי אין זאַל, באַלויכטענעם מיט פּראַכט,
ווו ס'שטייען אויסגעשטעלט די דײַטשישע טראָפּייען
אַף פּאָסטאַמענטן אייגענע פון בראָך אין שלאַכט.

★✦★

## אַ צווינטער אַפן יאַם־דעק

פאַרגעס דעם וועג צוריק, געפּאַנצערטער פּיראַט,
ווען שווימסט אַרויס אַף מאָרד און רויב און אַף געפּלעטן,
צולעצט באַקוק דעם ברעג, אַ ציילעם זיך באַשטאַט,
דו ווועסט אים מער ניט זען און קיינמאָל ניט באַטרעטן!

געזעגן זיך אַף שטענדיק מיט דײַן ברוינעם סאַם!
ווי שווערדן זײַנען כוואַליעס שוימיקע געשליפן.
אַ צווינטער ליגט צעוואָרפן אַפן דנאָ פון יאַם,
און קאַסקעס, אָנגעטאָן אַף מאַסטביימער פון שיפן.

זיי וואַרטן דיך אין אונטערוואַסער־דיקן רײַך,
צעשטעלט אין אַ פאַ־גליוערט-טויטער וואַך דאָרט,